אשה יראת ה' היא תתהלל

# בית יעקב

בית יעקב לכו ונלכה באור ה'

ליטעראַרישער נאַציאָנאַל-זשורנאַל

יאָרגאַנג 9

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

נומער 83

ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע, פרייטיק פ' תרומה ה' אדר א' תרצ"ב


# אַלמאַנאַך אויסגאַבע פון בית-יעקב-זשורנאַל

## צום טאָפּלטן יום-טוב פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום!

מיר האָבן שוין אָנגיהויבן מיט רירעוודיקע הכנות צו אַרויסצוגעבן איינים פון די נאָענטע נומערן „בית-יעקב" אַלס גרויסע אַלמאַנאַך אויסגאַבע לכבוד דעם טאָפּלטן יום-טוב פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום.

### 20 יאָר אגודת-ישראל און 15 יאָר בית-יעקב-באַוועגונג.

דאָס אויספאַלן פון גראַנדיעזן טאָפּלטן יום-טוב פון רעליגיעזן יידישן צבור אין גאָר דער וועלט, וועט דורך אונדזער רעדאַקציע, וואָס שטייט שוין יאָרן-לאַנג אין צענטער פון דער דאָזיקער היסטאָרישער עבודת-הקודש פאַראייביקט ווערן מיט אַ גרויס זאַמל-בוך, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג גיפּלאַנט און אַצינד, ווען מיר שוין ב"ה אויפן וועג פון אויספירן מכוח אל הפועל דעם דאָזיקן וויכטיקן גידאַנק.

### אויטאָריטעטע פירער פון אַגודת-ישראל. פירער און פירערנס פון „בית יעקב"

וועלן אין אונדזער מאָנומענטאַלער אַלמאַנאַך אויסגאַבע, פאַרעפנטלעכן זייערע מיינונגען און גידאַנקען וועגן אַגודת-ישראל און בית-יעקב. אַזוי אויך קומען זכרונות און איבערלעבונגען פון אגודה פירער פון גאָר דער וועלט אין די אַלמאַנאַך-אויסגאַבע.

### אידעאָלאָגישע מאַמרים פון אַלע אַגודה-פראַקציעס

וועלן פאַרעפנטלעכן די עומדים בראש פון די דאָזיקע פראַקציעס און עס וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אַן אַלזייטיק בילד פון דעם גאַנצן היקף פון פּראָבלעמען, וואָס פאַרנעמען אַן אָרט אין אַקטועלן לעבן פון דער חרדים-מחנה אין יידישן פאָלק.

### אַכסניא פון יידיש-רעליגיעזן דענקער, שרייבער און וואָרט-קינסטלער

אַ גרויס אָרט וועט פאַרנעמען דער וויסנשאַפטלעך-ליטעראַרישער טייל אין אונדזער אַלמאַנאַך אויסגאַבע. עס וועט כמעט נישט אַריינפאַלן קיין ליטעראַרישע אַרבעט פון וועלכן עס איז באַקאַנטן פרומען דענקער, ליטעראַט, דיכטער, קינסטלער און שרייבער. יעדער איינער פון אונדזער שרייבער משפחה, וועט רעפּרעזענטירן אין דער אַלמאַנאַך אויסגאַבע מיט זיין בעסטע ליטעראַרישע שאַפונג אַזוי, דאָס די אַלמאַנאַך-אויסגאַבע וועט זיין אַן אוצר פון עשירותדיקע ליטעראַטור אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

### גישיכטלעכער דאָקומענט פאַר די שפּעטערדיקע דורות

בכלל וועט אונדזער אַלמאַנאַך-אויסגאַבע גילטן אַלס גישיכטלעכער דאָקומענט פון די פריידן און ליידן פון דעם דערוואַכטן רעאָרגאַניזירטן חרדים-קבוץ פון יידן אין גאָר דער וועלט. אַלץ וואָס איז אָפּגיטון גיוואָרן במשך די 20 יאָר פאַר דערהייבן דעם כבוד פון תורה-פאָלק און אַלץ וואָס איז דערגרייכט גיוואָרן פאַר דער אויפלעבונג פון דער יידישער פרוי, וועט זיין באַשריבן מיט פאַקטן און ציפערן אין אונדזער אַלמאַנאַך-אויסגאַבע.

### בילדער און אילוסטראַציעס פיל-פאַרביק גידרוקט

וועלן זיך גיפינען בשפע אין דער דאָזיקער אַלמאַנאַך-אויסגאַבע. אַלע בילדער און אילוסטראַציעס וועלן נייע, נאָך נישט אין ערגיץ גידרוקטע און ספּעציעל שוין פון לאַנג גיזאַמלטע פאַר דעם דאָזיקן ווערק. באַזונדער וועט די אַלמאַנאַך-אויסגאַבע זיין פיל פאַרביק גידרוקט.

פון קומידיקן נימער אָן וועלן כסדר פאַרעפנטלעכט ווערן די מאמרים וואָס וועלן זיך דרוקן אין דער אַלמאַנאַך-אויסגאַבע פון בית-יעקב-זשורנאַל.

די בשורה אונדזערע פון נישט רעכינין זיך מיט דער שווערער צייט און אַרויסגעבן אַזאַ חשוב בוך לכבוד דעם טאָפּלטן יום-טוב פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום, וועט זיכער אַרויסרופן אַ גיהעריקע שמחה ביים ברייטן אָרטאָדאָקסישן עולם און די דאָזיקע זיכערקייט מוטיקט אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכער איניציאַטיוו צו קענען אויספירן אין איר גאַנצער תפארתדיקער שלמות!

